# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................7:51
מוצאי שב"ק.................9:23

**שיעורים כסדרן**
נ"ך..........דברי הימים-ב' י"ג-י"ד
בבלי..............................גיטין ד'
ירושלמי.................שביעית ה'
תוספתא......................חולין ו'
רמב"ם.........................דעות ו'

פרשת במדבר, כ"ט אייר, מברכים חודש סיון, אבות פרק ו', שנת תשפ"ג לפ"ק
שנה 12, גליון 34 (604)


## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

וַיְדַבֵּר ה' אֶל מֹשֶׁה בְּמִדְבַּר סִינַי בְּאֹהֶל מוֹעֵד. רַשִׁ"י זָאגְט: וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ דִי אִידְן, צֵיילְט עֶר זֵיי צוּ יֶעדֶע צַייט.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ל"ד), יֶעדֶער אִיד הָאט אַ נְקוּדָה, אַ זַאךְ וָואס נָאר עֶר קֶען אוֹיסְפִירְן. אוּן מִיט דֶעם קֶען עֶר זִיךְ שְׁטַארְקְן אֲפִילוּ וֶוען עֶר זֶעט אַז אַנְדֶערֶע זֶענֶען מֶער מַצְלִיחַ פוּן אִים, אָבֶּער יֶענֶער הָאט דָאךְ נִישְׁט דִי נְקוּדָה וָואס עֶר הָאט.

דֶערְפַאר הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעצֵיילְט דִי אִידְן יֶעדֶע שְׁטִיק צַייט, צוּ וַוייזְן אַז יֶעדֶער אִיד אִיז אַ בַּאזוּנְדֶער גֶעצֵיילְטֶער אִיד, יֶעדֶער אִיד אִיז בַּאזוּנְדֶער חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מִיט דֶעם קֶען מֶען פַארְשְׁטֵיין דָאס וָואס עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים תכח, ד') אַז אַלֶעמָאל לֵיינְט מֶען פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר בֶּעפָאר שָׁבוּעוֹת.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן צ"א) אַ סְגוּלָה צוּ הָאבְּן הַתְמָדָה, צוּ לֶערְנֶען פְלַייסִיג, אַז מֶען זָאל נִישְׁט רֶעדְן קַיין שְׁלֶעכְטְס אוֹיף קַיין שׁוּם אִיד. וַוייל עֶס זֶענֶען דָא זֶעקְס הוּנְדֶערְט טוֹיזְנְט אוֹתִיּוֹת אִין דִי תּוֹרָה, קֶעגְן דִי זֶעקְס הוּנְדֶערְט טוֹיזְנְט אִידְן, אוּן אוֹיבּ רֶעדְט מֶען שְׁלֶעכְטְס אוֹיף אַ אִיד, מִיט דֶעם פַּסְלְ'ט מֶען אֵיין אוֹת פוּן דִי סֵפֶר תּוֹרָה, אוּן אַז עֶס פֶעלְט אֵיין אוֹת פוּן דִי תּוֹרָה אִיז עֶס פָּסוּל, אוּן מֶען הָאט נִישְׁט קַיין חֵשֶׁק צוּ לֶערְנֶען.

דֶערְפַאר לֵיינְט מֶען שְׁטֶענְדִיג פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר פַאר דֶעם יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, צוּ וַוייזְן אַז יֶעדֶער אִיד אִיז אַ גֶעצֵיילְטֶער אִיד, יֶעדֶער אִיד אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב. מֶען טָאר קֵיינֶעם נִישְׁט אַוֶועקְמַאכְן, נִישְׁט זִיךְ אוּן נִישְׁט אַ צְוֵוייטְן. אוּן אַזוֹי קֶען מֶען צוּגֵיין צוּ מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה מִיט גְרוֹיס חֵשֶׁק אוּן גֶעשְׁמַאק.

גֶעדֶענְק דֶעם כְּלָל, דִי אַלֶע וָואס בַּארֶעדְן אַנְדֶערֶע; וֶוען דוּ זִיצְט נִישְׁט בַּיים שְׁמוּעֶס - בַּארֶעדְט מֶען דִיךְ. וֶוער נִישְׁט צוּקָאכְט וֶוען דוּ הֶערְסְט לָשׁוֹן הָרָע אוֹיף דֶעם אוּן אוֹיף יֶענֶעם, דִי רֶעדְן אוֹיף דִיר דָאס זֶעלְבֶּע וֶוען דוּ הֶערְסְט נִישְׁט.

אַנְטְלוֹיף פוּן מֶענְטְשְׁן וָואס רֶעדְן אוֹיף אַנְדֶערֶע, וָואס מַאכְן לֵיצָנוּת פוּן אַנְדֶערֶע. שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי כד, ט): "וְתוֹעֲבַת לְאָדָם לֵץ", דֶער לֵץ אִיז פַארְמִיאוּס'ט בַּיי אַלֶעמֶען, בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן בַּיי מֶענְטְשְׁן.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סַנְהֶדְרִין כג.): "אַנְשֵׁי יְרוּשָׁלַיִם", דִי עֶרְלִיכֶע אִידְן פוּן יְרוּשָׁלַיִם, "לֹא הָיוּ נִכְנָסִין בִּסְעוּדָה, אֶלָּא אִם כֵּן יוֹדְעִין מִי מֵיסֵב עִמָּהֶן", הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט גֶעזֶעצְט עֶסְן אַ סְעוּדָה מִיט מֶענְטְשְׁן וָואס זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעקֶענְט; גֶעוֶוענְלִיךְ בַּיים עֶסְן, דֶעמָאלְט אִיז אַ צַייט וָואס מֶען קֶען רֶעדְן דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה, דִיבּוּרֵי הִתְחַזְּקוּת, אָדֶער רֶעדְט מֶען אוֹיף דֶעם אוּן אוֹיף יֶענֶעם; דֶערִיבֶּער הָאבְּן זֵיי אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן וואוּ זֵיי עֶסְן, מִיט וֶועם זֵיי דְרֵייעֶן זִיךְ.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן סב): "דַּע, שֶׁעַל יְדֵי אֲכִילָתָם שֶׁל יִשְׂרָאֵל נַעֲשֶׂה יִחוּד קֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא וּשְׁכִינְתֵּהּ אַפִּין בְּאַפִּין", בַּיים עֶסְן אִיז אַ צַייט פוּן יִחוּד קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא וּשְׁכִינְתֵּיהּ אַפִּין בְּאַפִּין, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (רוּת ב, יד): "לְעֵת הָאֹכֶל גֹּשִׁי הֲלֹם, תִּקְרְבְתָּא מַלְכָּא בְּמַלְכָּא".

אֲפִילוּ צְווִישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זֶענֶען דָא גְרוֹיסֶע לֵצִים; דָארְט וואוּ מֶען רֶעדְט פוּן דֶעם אוּן פוּן יֶענֶעם, דָארְט וואוּ מֶען בַּארֶעדְט מֶענְטְשְׁן - פוּן דָארְט אַנְטְלוֹיף!

דֶער רֶבִּי זָאגְט, מֶען בַּאקוּמְט אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע שְׁטְרָאף, (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת לֵצָנוּת, סִימָן א): "עַל יְדֵי לֵיצָנוּת, אִשְׁתּוֹ מוֹשֶׁלֶת בּוֹ", דִי וַוייבּ גֶעוֶועלְטִיגְט אוֹיף אִים; אַז דוּ וֶועסְט גוּט קוּקְן וֶועסְטוּ זֶען אַז עֶס אִיז טַאקֶע אַזוֹי, אַלֶע לֵצִים זֶענֶען גְרוֹיסֶע מוֹיל מַאכֶערְס אִינְדְרוֹיסְן, אִין שְׁטוּבּ זֶענֶען זֵיי פַארְשְׁקְלַאפְט פַאר דִי וַוייבּ, מַמָּשׁ וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט.

(זֹאת הַתּוֹרָה בַּמִּדְבָּר א, עֲצָתוֹ אֱמוּנָה תְּרוּמָה תשפ"ב)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### אַ גֶעפְּרֶעגְלְטֶער אִיד

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ אַ גֶעפְּרֶעגְלְטֶער חָסִיד", דָאס בַּאדֵייט אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז גֶעפְּרֶעגְלְט אִין צָרוֹת, אוּן דָאךְ דֶערְהַאלְט עֶר זִיךְ אוּן עֶר בְּלַייבְּט נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - אַזוֹינְס הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לִיבּ.

וֶוען מִיר זֶעעֶן וִוי אַ שְׁטִיקְל פְלֵייש פְּרֶעגְלְט זִיךְ אוֹיפְ'ן פֵייעֶר, מֶען דְרֵייט עֶס אִיבֶּער פוּן אֵיין זַייט צוּם צְוֵוייטְן אַז עֶס זָאל זַיין גוּט גֶעפְּרֶעגְלְט פוּן אַלֶע זַייטְן, טְרַאכְטְן מִיר נִישְׁט אַרַיין וִוי דָאס שְׁטִיקְל פְלֵייש פִילְט דָארְט אִין דִי הֵייסֶע אוֹיל, וִוי אַזוֹי שְׁפִּירְט עֶס צוּ וֶוערְן אָפְּגֶעבְּרָאטְן פוּן אַלֶע זַייטְן. אָבֶּער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ גוּט בַּאטְרַאכְטְן וֶועט עֶר זֶען אַז עֶר אַלֵיין אִיז אוֹיךְ אַזוֹי, דֶער מֶענְטְשׁ לִיגְט אוֹיךְ אִין בְּרֶענֶענְדִיגֶע הֵייסֶע אוֹיל, אוּן עֶר

<<<<<<

## א גוט ווארט

נֶעם זִיךְ פָאר צוּ עֶסְן דִי דְרֵיי סְעוּדוֹת שַׁבָּת. אֲפִילוּ עֶס קוּמְט דִיר אָן שְׁוֶוער - זָאלְסְטוּ זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין זִיךְ וַואשְׁן צוּ דְרֵיי סְעוּדוֹת שַׁבָּת. וַוייל רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי הָאט גֶעזָאגְט מַמָּשׁ אֵיידֶער עֶר אִיז נִסְתַּלֵק גֶעוָוארְן (אִדְרָא זוּטָא, רפח:): "אָמַר רַבִּי שִׁמְעוֹן, אַסְהַדְנָא עָלַי לְכָל אִלֵּין דְּהָכָא", אִיךְ זָאג עֵדוּת פַאר דִי אַלֶע צַדִּיקִים וָואס זֶענֶען דָא מִיט מִיר אִינֶעם אִידְרָא, "דְּהָא מִן יוֹמָאי לָא בָּטִילְנָא אִלֵּין ג' סְעוּדָתֵיי", אִיךְ הָאבּ קֵיינְמָאל נִישְׁט מְבַטֵל גֶעוֶוען דִי דְרֵיי סְעוּדוֹת שַׁבָּת, "דְּמַאן דְּזָכֵי בְּהוּ", וֶוער עֶס אִיז זוֹכֶה צוּ עֶסְן דְרֵיי סְעוּדוֹת שַׁבָּת, "זָכֵי לִמְהֵימְנוּתָא שְׁלֵימָתָא", אִיז זוֹכֶה צוּ הָאבְּן אַ קְלָארֶע רֵיינֶע אֱמוּנָה; מִיר זֶעעֶן אַז רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי הָאט זִיךְ בַּארִימְט אִין דֶעם טָאג וָואס עֶר אִיז נִסְתַּלֵק גֶעוָוארְן מִיט דֶער זַאךְ, וַוייל עֶסְן סְעוּדוֹת שַׁבָּת אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס.

נֶעם זִיךְ פָאר [וָואס מֵיינְט 'נֶעם זִיךְ פָאר'? בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן] דוּ זָאלְסְט עֶסְן יֶעדֶע שַׁבָּת דְרֵיי סְעוּדוֹת אוּן מַאכְן דִי סְעוּדוֹת פְרֵיילִיךְ, מִיט דַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, וֶועסְטוּ בְּלַייבְּן מִיט עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת. (עֲצָתוֹ אֱמוּנָה בְּהַר בְּחֻקּוֹתַי תשפ"ג)

## אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# הַאלְט אַייךְ פְּרִישׁ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

עֶרֶב שַׁבַּת פַּרְשַׁת בְּהַר בְּחוּקוֹתַי, כ"א אִיָּר, ל"ו לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן
לְכָבוֹד מַיינֶע טֵייעֶרֶע חֲבֵרִים, טֵייעֶרֶע לִיבֶּע בְּרִידֶער,
תַּלְמִידֵי הֵיכָל הַקּוֹדֶשׁ בְּאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, ה' עֲלֵיהֶם יִחְיוּ

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט צוּ זַיין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, זִיךְ טְרֶעפְן נָאכְאַמָאל מִיט אַייךְ אוּן זִיךְ קֶענֶען מְחַזֵּק זַיין מִיט דִי שֵׁיינֶע עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

אִיךְ ווִיל אִיבֶּערְבֶּעטְן דִי אַלֶע חֲבֵרִים וָואס אִיךְ הָאבּ נִישְׁט בַּאגְרִיסְט, דִי אַלֶע וָואס הָאבְּן גֶעוַוארְט אִין יְרוּשָׁלַיִם נָאכְן שִׁיעוּר צוּ קֶענֶען גֶעבְּן שָׁלוֹם; וָואלְט אִיךְ גֶעגֶעבְּן נָאךְ אֵיינֶעם שָׁלוֹם - וָואלְט אִיךְ פַארְפַּאסְט דִי פְלִיגֶער. אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט דִי פְלִיגֶער פָּארְט אַהֵיים אוּם אֵיינְס אַזֵייגֶער, אִיךְ הָאבּ אוֹיסְגֶערֶעכְנְט אָנְצוּקוּמֶען אִין צַייט, לְמַעֲשֶׂה וֶוען אִיךְ בִּין אָנְגֶעקוּמֶען אִין לוּפְט פֶעלְד וַוייזְט מֶען מִיר: "פַארְמַאכְט!" זֵיי זָאגְן אִיךְ הָאבּ גֶעמַאכְט אַ טָעוּת, דִי פְלִיגֶער פָּארְט שׁוֹין צְוֶועלְף דְרַייסִיג. מִיר זֶענֶען שִׁיעוּר גֶעוָוארְן פַארְלוֹירְן, מִיר הָאבְּן זִיךְ שְׁנֶעל דֶערְמַאנְט פוּן דִי עֵצָה פוּן תְּפִילָּה, אַלֶע הָאבְּן גֶעבֶּעטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מֶען זָאל אוּנְז עֶפֶענֶען אוּן מִיר זָאלְן אָנְקוּמֶען בְּשָׁלוֹם", אוּן נִיסִים אִיז גֶעשֶׁען, מֶען הָאט אוּנְז גֶענוּמֶען אוּן דוּרְכְגֶעפִירְט אַלֶע וַוארְטֶעס.

אִיךְ ווִיל אִיבֶּערְבֶּעטְן דִי גַּבָּאִים, זֵיי זָאלְן נִישְׁט זַיין וֵויי גֶעטוּן אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט גֶעקוּמֶען צוּ זֵיי אִין שׁוּל; אִיךְ בַּאקוּם בְּרִיוו אַז עֶס טוּט וֵויי פַארְוָואס אִיךְ גֵיי נָאר אִין יְרוּשָׁלַיִם אוּן אִיךְ בִּין נִישְׁט גֶעקוּמֶען צוּ זֵיי. ווִיסְן זָאלְט אִיר, מַיין פְּלַאן אִיז גֶעוֶועֶן צוּ קוּמֶען צוּ אַלֶע שׁוּל'ן; צְפַת, בֵּית שֶׁמֶשׁ, יַבְנְאֵל, בְּרַאכְפֶעלְד אוּן אֶלְעַד, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט דִי מִצְוָה פוּן מְכַבֵּד זַיין מַיין שְׁוֶוער אוּן מַיין טַאטֶע, בִּין אִיךְ גֶעבְּלִיבְּן זִיצְן אִין מִירוֹן מִיט זֵיי, אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט קוּמֶען אוּן אִיךְ וֶועל נָאךְ קוּמֶען.

דִי פְרַאגֶע אִיז נָאר, אוֹיבּ אִיךְ וֶועל קוּמֶען - צִי וֶועל אִיךְ אַייךְ נָאךְ טְרֶעפְן; וַוייל מֶען דַארְף רַחֲמֵי שָׁמַיִם צוּ זַיין פְּרִישׁ בַּיים רֶבִּי'ן. אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִינְגֶעלַייט וָואס זֶענֶען שׁוֹין נִישְׁט ווִי אַמָאל, אִיךְ הָאבּ זֵיי גֶעפְרֶעגְט, זָאגְט מִיר דֶעם אֱמֶת, אִיר הֶערְט נָאךְ דִי שִׁיעוּרִים וָואס מֶען שְׁמוּעֶסְט אִין יְשִׁיבָה? זָאגְן זֵיי, נֵיין, הַיינְט דַארְפְן זֵיי דָאס שׁוֹין נִישְׁט, הַיינְט זֶענֶען זֵיי שׁוֹין בַּיי מוֹחִין דְגַדְלוּת. הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען אַז מֶען דַארְף הָאבְּן אַ זְכִיָּה צוּ קֶענֶען בְּלַייבְּן פְּרִישׁ מְקוּרָב בַּיים רֶבִּי'ן.

אִיךְ וֶועל קוּמֶען צוּ אַייךְ, אוּן אִיךְ ווִיל אַייךְ אַלֶע טְרֶעפְן. גֶעבְּט אַכְטוּנְג זִיךְ נִישְׁט דְרֵייעֶן צְווִישְׁן לֵצִים. גֶעבְּט אַכְטוּנְג פוּן דִי וָואס רוּפְן זִיךְ בְּרֶסְלֶב נֵייטְרַאל, דִי וָואס שְׁפֶּעטְן פוּן צַדִּיקֵי אֱמֶת, דִי וָואס מַאכְן אַ גֶעשְׁפֶּעט; וַוייל נָאכְדֶעם וֶוערְט מֶען אָפְּגֶעקִילְט. מֶען קֶען שׁוֹין נִישְׁט הֶערְן דִי שֵׁיינֶע זִיסֶע עֵצוֹת פוּנֶעם צַדִּיק, בִּיז מֶען הֶערְט אוֹיף לֶערְנֶען, מֶען הֶערְט אוֹיף דַאוֶונֶען, בִּיז מֶען הֶערְט אוֹיף בֶּענְקֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מֶען פַארְלִירְט אַלֶעס.

### פְּשׁוּטֶ'ע וֶוערְטֶער, נִישְׁט קַיין טִיפֶע תּוֹרוֹת

אִיךְ ווִיל בֶּעטְן אוּנְזֶערֶע טֵייעֶרֶע גַּבָּאִים, דִי אַלֶע וָואס לֶערְנֶען פָּאר אִין אוּנְזֶערֶע שְׁטִיבְּלֶעךְ; לֶערְנְט פְּשׁוּטֶ'ע וֶוערְטֶער, לֶערְנְט נִישְׁט קַיין טִיפֶע תּוֹרוֹת אוּן מְשָׁלִים, קֵיינֶער הָאט נִישְׁט כֹּחַ פַאר דִי מַעֲשִׂיוֹת מִיט מְשָׁלִים, מִיטְן נִמְשָׁל וָואס שְׁטִימְט זֵייעֶר שֵׁיין מִיטְן מָשָׁל, אָבֶּער מִיטְן מֶענְטְשׁ שְׁטִימְט עֶס נִישְׁט. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן כח) אוֹיף דִי אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן: "'הַמְעַט מִכֶּם הַלְאוֹת אֲנָשִׁים כִּי תַלְאוּ גַּם אֱלֹקִים', כִּי מְיַגְּעִים אֲנָשִׁים שֶׁבָּאִים לִשְׁמֹעַ דְּרוּשָׁם וְתוֹרָתָם, וַאֲנָשִׁים חוֹשְׁבִים שֶׁיָּבוֹאוּ לְאֵיזֶהוּ תּוֹעֶלֶת עַל יָדָם, הַיְנוּ שֶׁיָּבוֹאוּ לָדַעַת אֶת ה' אֵיךְ לַעֲבֹד, וְהֵם הָאֲנָשִׁים אֵין מַשִּׂיגִים שׁוּם תּוֹעֶלֶת, כִּי תּוֹרָתָם שֶׁל אֵלּוּ הַתַּלְמִידֵי חֲכָמִים אֵין לָהּ כֹּחַ לְהַדְרִיךְ אֶת הָאָדָם בְּדֶרֶךְ הַטּוֹב כִּי מִבִּישָׁא לָא הֲוֵי טָבָא, וְלֹא עוֹד, כִּי תַלְאוּ גַּם אֱלֹקִים כְּאִלּוּ לוֹאֶה הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מִלַּעֲזֹר לְעוֹבְדִים אוֹתוֹ, נִמְצָא שֶׁעַל יְדֵי זֶה אֵלּוּ בְּנֵי אָדָם נוֹפְלִים בִּכְפִירוֹת גְּדוֹלוֹת וְחוֹשְׁבִים, חַס וְשָׁלוֹם, 'לֹא יִרְאֶה וְלֹא יָבִין אֱלֹקִים בְּמַעֲשֵׂה בְּנֵי אָדָם' עַל יְדֵי זֶה 'אֶת יִרְאֵי ה' לֹא יְכַבֵּדוּ'". וָואס יָא? רֶעדְט פוּן זִיךְ אוֹיפְפִירְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ צוּ דִי עֶלְטֶערְן, רֶעדְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ צוּ טַאטֶע מַאמֶע, שְׁוֶוער אוּן שְׁווִיגֶער. רֶעדְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ צוּ דִי וַוייבּ, מְכַבֵּד זַיין דִי וַוייבּ, רֶעדְן שֵׁיין צוּ דִי וַוייבּ. פַארְוָואס פַאר חֲבֵרִים הָאט מֶען כֹּחַ זֵיי צוּ טוּן טוֹבוֹת אוּן וֶוען דִי וַוייבּ בֶּעט זִיךְ פַאר אַ טוֹבָה דְרֵייְדְט מֶען זִיךְ אַרוֹיס? אוּן אֲפִילוּ דִי וָואס טוּעֶן שׁוֹין יָא - טוּעֶן דָאס מִיט אַ גַאנְצֶע טוֹבָה, פַארְוָואס? פַארְוָואס אִיז דִי וַוייבּ נִישְׁט אִינְטֶערֶעסַאנְט?! נָאר אַז מֶען אִיז מְכַבֵּד דִי וַוייבּ, מֶען קוּקְט אוֹיף אִיר ווִי זִי אִיז אַ מַתָּנָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען עֶרְוַוארְט גָארְנִישְׁט פוּן אִיר - דָאס אִיז אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

אִיךְ בֶּעט דִי גַּבָּאִים וָואס לֶערְנֶען פָּאר, לֶערְנְט פָּאר בְּרִיוו פוּן מוֹהֲרָא"שׁ; חִיזּוּק אוֹיף אֱמוּנָה, חִיזּוּק אוֹיף דַאוֶונֶען דִי דְרֵיי תְּפִילּוֹת מִיט מִנְיָן, חִיזּוּק אוֹיף זַיין פְרֵיילִיךְ, אוֹיךְ זָאל מֶען זִיךְ לִיבּ הָאבְּן.

<<<<<<

<<<<<< מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

וֶוערְט גוּט גֶעפְּרֶעגְלְט פוּן אַלֶע זַייטְן.

דָא כַאפְּט עֶר אַ בְּרִי פוּן זִיךְ אַלֵיין, דָא כַאפְּט עֶר אַ בְּרִי אוֹיף דִי אַנְדֶערֶע זַייט פוּן אַ צָרָה בַּיי אִים אִינְדֶערְהֵיים, דָארְט וֶוערְט עֶר אָפְּגֶעבְּרִיט פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, אוּן אַזוֹי וֶוערְט דֶער מֶענְטְשׁ גֶעפְּרֶעגְלְט פוּן אַלֶע זַייטְן.

דָאס הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לִיבּ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל זֶען ווִי דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט זִיךְ דֶערְמַאנֶען אַז עֶס דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן עֶר וֶועט גֵיין צוּ אִים. אַנְשְׁטָאט צוּ הָאבְּן טַעֲנוֹת אוּן קֻשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן פַארְוָואס עֶר גֶעבְּט אִים דִי אַלֶע צָרוֹת, וֶועט זִיךְ דֶער מֶענְטְשׁ שְׁטַארְקְן מִיט דִי אַלֶע שְׁוֶועריִקַייטְן, עֶר וֶועט נָאכְאַלְץ נִישְׁט אַוֶועק גֵיין פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דַאן וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן אַז עֶר וֶועט אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע זַיינֶע צָרוֹת אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען.

וֶוען יַעֲקֹב אָבִינוּ אִיז גֶעוֶוען בַּיי לָבָן הָאֲרַמִּי אוּן עֶר הָאט גֶעפַּאשֶׁעט זַיינֶע שָׁאף, הָאט עֶר זִיךְ אוֹיסְגֶענוּמֶען אַז עֶר וֶועט בַּאקוּמֶען דִי שֶׁעפֶּעלֶעךְ וֶועלְכֶע זֶענֶען "עֲקֻדִּים נְקֻדִּים וּטְלוּאִים" - דִי שֶׁעפֶּעלֶעךְ וֶועלְכֶע הָאבְּן קְלֵיינֶע פְלֶעקְן, גְרוֹיסֶע פְלֶעקְן, אָדֶער פְלֶעקְן אוֹיף דִי פִּיס אַזוֹי ווִי דִי פִּיס וָואלְטְן גֶעוֶוען גֶעבִּינְדְן אִין קֵייטְן.

יַעֲקֹב אָבִינוּ אַלֵיין אִיז דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען אַסַאךְ שְׁוֶועריִקַייטְן אִין לֶעבְּן, ווִי גְרֶעסֶער אַ צַדִּיק אִיז, אַלְץ גְרֶעסֶערֶע שְׁוֶועריִקַייטְן הָאט עֶר, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פְּרוּבִּירְט אִים אוֹיס אוֹיבּ עֶר וֶועט זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן אוּן נִישְׁט אַוֶועק גֵיין פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן טְרָאץ דִי אַלֶע שְׁוֶועריִקַייטְן. קוֹדֶם הָאט יַעֲקֹב גֶעדַארְפְט אַנְטְלוֹיפְן וַוייל זַיין בְּרוּדֶער עֵשָׂו הָאט אִים נָאר גֶעוָואלְט הַרְגֶ'עֶנֶען, נָאכְדֶעם וֶוען עֶר אִיז שׁוֹין אָנְגֶעקוּמֶען צוּ לָבָן הָאט עֶר גֶעהַאט צוּ לַיידְן אַסַאךְ צָרוֹת פוּן אִים אוֹיךְ. דֶערִיבֶּער הָאט יַעֲקֹב גֶעוָואלְט מְרַמֵּז זַיין אַז עֶר נֶעמְט דַוְקָא דִי שֶׁעפֶּעלֶעךְ וֶועלְכֶע הָאבְּן דִי פְלֶעקְן, דִי חֲשִׁיבוּת פוּן אַ אִיד אִיז וֶוען עֶר קֶען זִיךְ דֶערְהַאלְטְן סַיי וֶוען עֶר הָאט קְלֵיינֶע פְלֶעקְן - קְלֵיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, סַיי וֶוען עֶר הָאט גְרוֹיסֶע פְלֶעקְן - גְרוֹיסֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, אוּן סַיי וֶוען עֶר הָאט דִי פְלֶעקְן אוֹיף דִי פִּיס, עֶר שְׁפִּירְט ווִי עֶר אִיז גֶעבִּינְדְן אִין קֵייטְן אוּן עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט אַרוֹיס זֶען פוּן זַיינֶע פִילֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, אוּן מִיט-דֶעם-אַלֶעם גְלֵייבְּט עֶר אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, אַז אַלֶעס טוּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נָאר פַאר זַיין טוֹבָה, אוּן עֶר גֵייט שְׁטֶענְדִיג צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזַא מֶענְטְשׁ אִיז גָאר חָשׁוּב אוּן טֵייעֶר.

### וֶוער שְׁלָאגְט?

אִין זֹהַר הַקָּדוֹשׁ שְׁטֵייט אַז אַ טִיפֵּשׁ הָאט מוֹרָא פוּנֶעם שְׁטֶעקְן וָואס שְׁלָאגְט אִים, אַ חָכָם ווֵייסְט אָבֶּער אַז עֶס אִיז דָא אֵיינֶער וָואס הַאלְט דֶעם שְׁטֶעקְן, אוּן פוּן אִים דַארְף עֶר מוֹרָא הָאבְּן.

וֶוען עֶס קוּמֶען צָרוֹת אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ, עֶר אִיז נִישְׁט גֶעזוּנְט רח"ל, עֶר הָאט צָרוֹת פוּן זַיינֶע קִינְדֶער, עֶר הָאט צָרוֹת פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, עֶר אִיז אַרַיין גֶעפַאלְן אִין שְׁוֶוערֶע חוֹבוֹת אוּן דִי בַּעֲלֵי חוֹבוֹת לוֹיפְן אִים נָאךְ, צִי סַיי וֶועלְכֶע צָרוֹת אוּן שְׁוֶועריִקַייטְן אַ מֶענְטְשׁ גֵייט נָאר דוּרְךְ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אָפְּהִיטְן אַלֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער, דַארְף מֶען שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען אַז עֶס אִיז נִישְׁט דֶער שְׁטֶעקְן וָואס שְׁלָאגְט, נָאר אֵיינֶער הַאלְט דֶעם שְׁטֶעקְן, עֶס אִיז נִישְׁט אִינְטֶערֶעסַאנְט מוֹרָא צוּ הָאבְּן פוּנֶעם שְׁטֶעקְן, אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט זִיךְ פְּרוּבִּירְן צוּ בַּאשִׁיצְן פוּנֶעם שְׁטֶעקְן, אִיז עֶר זֵייעֶר נַארִישׁ, דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג אִיז צוּ גֵיין צוּ דֶעם וָואס הַאלְט דֶעם שְׁטֶעקְן אוּן זִיךְ

<<<<<<



# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

## מֶעג אִיךְ מַאכְן מַיינֶע פֵּיאוֹת מִיט אַ קֶעמְל אוּם שַׁבָּת נָאךְ דִי מִקְוֶה?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אַזוֹי וִוי יֶעדֶעס מָאל וֶוען אִיךְ גֵיי שַׁבָּת אִין מִקְוֶה מַאךְ אִיךְ נָאכְדֶעם מַיינֶע פֵּיאוֹת מִיט אַ קֶעמְל, וַוייל אִיךְ קֶען נִישְׁט אָנְגֵיין אָן דֶעם, הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן, אוֹיבּ עֶס אִיז בֶּעסֶער אַז אִיךְ זָאל עֶנְדֶערְשׁ נִישְׁט גֵיין שַׁבָּת אִין מִקְוֶה, אָדֶער אִיז דָא עֶפֶּעס אַן הֶיתֵּר צוּ מַאכְן דִי פֵּיאוֹת מִיט אַ קֶעמְל אוּם שַׁבָּת.

**יְיַשֵׁר כֹּחַ**

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

**יוֹם א' פַּרְשַׁת אֱמוֹר, ט' אִיָּר, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס מֶען אִיז זוֹכֶה דוּרְךְ מִקְוֶה. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "דָאס עֶרְשְׁטֶע אִיז מִקְוֶה" (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קמא), וֶוען מֶען ווִיל מְתַקֵן זַיין וָואס מֶען הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען בִּכְלָלִיוּת, אוּן בִּפְרָטִיּוּת אִין פְּגַם הַבְּרִית - אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ 'מִקְוֶה'. נָאךְ זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת הַמְתָּקַת הַדִּין, סִימָן כב): "עַל יְדֵי טְבִילַת מִקְוֶה נִתְבַּטֵּל הַצָּרוֹת, וִישׁוּעָה בָּאָה", אַז מֶען טוֹבְלְ'ט זִיךְ אִין מִקְוֶה - אִיז מֶען מְבַטֵל אַלֶע צָרוֹת אוּן מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ אַ יְשׁוּעָה; נָאךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (שָׁם, סִימָן פא): "הַמִּקְוֶה מַמְתִּיק הַדִּין", אַז מֶען גֵייט אִין מִקְוֶה - נֶעמְט מֶען אַוֶועק אַלֶע דִינִים.

אַ קֶעמְל אִיז מוּקְצֶה, עֶס אִיז חִילוּל שַׁבָּת; מֶען טָאר נִישְׁט נוּצְן אַ קֶעמְל שַׁבָּת (שֻׁלְחָן עָרוּךְ אוֹרַח חַיִּים סִימָן שג, סָעִיף כז).

שַׁבָּת אִיז שֵׁיין פֵּיאוֹת וָואס אִיז נִישְׁט גֶעקֶעמְט. גֵיי אִין מִקְוֶה, אוּן חַס וְשָׁלוֹם קֶעמֶען דִי פֵּיאוֹת, אוּן אַז מֶען זֶעט שֵׁיינֶע גֶעקֶעמְטֶע פֵּיאוֹת שַׁבָּת קוֹדֶשׁ - אִיז דָאס נִישְׁט שֵׁיין, מֶען קֶען נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דֶעם.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה אֱמוֹר תשפ"ג)

BreslevCenter.com\answers

>>>>>> א בריוו פונעם ראש ישיבה שליט"א

### צִי עֶר פַאלְט יָא, צִי עֶר פַאלְט נִישְׁט

טֵייעֶרֶע לִיבֶּע בְּרִידֶער, וֶוערְט נִישְׁט אַלְט אוּן וֶוערְט נִישְׁט מִיד. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן מח): "צְרִיכִין לִהְיוֹת עַקְשָׁן גָּדוֹל בַּעֲבוֹדַת ה'", וֶוער עֶס ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, דַארְף ווִיסְן אַז מֶען קֶען נִישְׁט זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד נָאר אַז מֶען אִיז אַ גְרוֹיסֶער עַקְשָׁן, עֶס זָאל נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְן דֶעם מֶענְטְשׁ צִי עֶר פַאלְט צִי נִישְׁט, וַוייל דֶער יֵצֶר הָרָע הַאלְט אִין אֵיין אַרָאפְּוַוארְפְן דֶעם מֶענְטְשׁ, עֶר בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין אִים חֲלִישׁוּת הַדַּעַת, דֶער מֶענְטְשׁ זָאל טְרַאכְטְן כְּאִילוּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף אִים נִישְׁט, עֶר ווִיל דֶער מֶענְטְשׁ זָאל אָפְּלָאזְן זַיין ווִילְן; אָבֶּער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַן עַקְשָׁן אוּן עֶר לָאזְט נִישְׁט נָאךְ, אֲפִילוּ עֶר הַאלְט אִין אֵיין פַאלְן רַחֲמָנָא לִצְלָן, דָאךְ גֵייט עֶר שְׁטֶענְדִיג צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין סוֹף כָּל סוֹף צוּ אַלֶע מַדְרֵיגוֹת.

אִיךְ בֶּעט עֶנְק זֵייעֶר, זַייט שְׁטַארְק בַּיי זִיךְ, גֶעבְּט נִישְׁט נָאךְ, גֶעבְּט נִישְׁט אוֹיף; אַזוֹי גֵייט עֶס מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם, וֶוען מֶען ווִיל זַיין גוּט - הוֹיבְּט מֶען אָן פַאלְן, וֶוען מֶען הוֹיבְּט אָן תְּשׁוּבָה טוּן - הוֹיבְּט מֶען אָן הָאבְּן בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת. אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם): "כִּי כֵן דֶּרֶךְ הַבַּעַל דָּבָר וְהַסִּטְרָא אָחֳרָא, כְּשֶׁרוֹאֶה שֶׁהָאָדָם סָמוּךְ סָמוּךְ מַמָּשׁ לְשַׁעֲרֵי הַקְּדֻשָּׁה, וְכִמְעַט שֶׁיִּכְנֹס אֲזַי הוּא מִתְפַּשֵּׁט עָלָיו בְּהִתְגַּבְּרוּת גָּדוֹל מְאֹד מְאֹד רַחֲמָנָא לִצְלָן", דָאס אִיז דִי וֶועג פוּן דִי סִטְרָא אַחְרָא, וֶוען זֵיי זֶעעֶן ווִי דֶער מֶענְטְשׁ גֵייט שׁוֹין אָט אָט זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, זֵיי זֶעעֶן ווִי דֶער מֶענְטְשׁ גֵייט שׁוֹין כִּמְעַט אַרַיין אִין דִי טִיר פוּן קְדוּשָּׁה, דֶעמָאלְט פַארְלֵייגְן זֵיי זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק אוֹיפְן מֶענְטְשׁ מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע שְׁטַארְקֵייט רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוּן וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ וֵוייסְט נִישְׁט אַז דָאס אִיז נָאר אִים אַוֶועק צוּ שְׁלֶעפְּן אוּן אִים צוּ צֶעבְּרֶעכְן - גֶעבְּט עֶר אוֹיף אוּן לָאזְט אַלֶעס אָפּ.

דָאס אִיז דִי שֵׁיינְקֵייט פוּן אַ אִיד אוּן דָאס הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לִיבּ; צוּ זֶען ווִי אַ אִיד וָואס עֶס קָאכְט אִין אִים שְׁמוּץ אוּן נַארִישְׁקֵייטְן, מִיט דֶעם אַלֶעם דֶערְהַאלְט עֶר זִיךְ אוּן עֶר קוּמְט נָאכְאַמָאל צוּרִיק, עֶר בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן וֵויינְט זִיךְ אוֹיס: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, הָאבּ אוֹיף מִיר רַחֲמָנוּת וְכוּ' וְכוּ'; דָאס קֶען אֲפִילוּ אַ מַלְאָךְ נִישְׁט בַּאוַוייזְן.

**טֵייעֶרֶע לִיבֶּע בְּרִידֶער, יֶעדֶער אֵיינֶער פוּן עֶנְק זָאל עֶפֶּעס טוּן פַאר הֲפָצָה.**

**אַ גוּט שַׁבָּת.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה בְּהַר בְּחֻקוֹתַי תשפ"ג)

>>>>>> מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

דוּרְךְ רֶעדְן מִיט אִים, זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיט אִים אוּן אִים פְרֶעגְן וָואס דִי סִיבָּה אִיז פַארְוָואס עֶר שְׁלָאגְט אִים, אוּן נָאר אַזוֹי וֶועט עֶר גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּנֶעם שְׁטֶעקְן.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט שְׁוֶועריקֵייטְן אִיז זַיין עֵצָה נָאר צוּ גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיט אִים, אוּן נָאר אַזוֹי קֶען עֶר גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן דִי אַלֶע צָרוֹת. דֶער מֶדְרָשׁ זָאגְט (תַּנְחוּמָא תֵּצֵא ב) אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוען עֶס קוּמְט אוֹיף אִים צָרוֹת אוּן יִסוּרִים, וַוייל דִי יִסוּרִים שְׁלֶעפְּן אִים צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דִי צָרוֹת דֶערְמַאנֶען אִים אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, אוּן דַאן גֵייט דֶער מֶענְטְשׁ צוּ אִים, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט אִים עֶר זָאל זִיךְ אַרוֹיס דְרֵייעֶן פוּן אַלֶע זַיינֶע צָרוֹת.

ווִידֶער אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל, עֶר מֵיינְט אַז דִי אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען זֶענֶען פּוּנְקְט אַזוֹי גֶעשֶׁען, עֶר הָאט פּוּנְקְט גֶעהַאט אַ שְׁלֶעכְטֶע מַזָל אוּן עֶר אִיז אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין אַ פְּרָאבְּלֶעם, דַאן וֶועט דֶער פְּרָאבְּלֶעם נָאר עֶרְגֶער וֶוערְן. חַזַ"ל זָאגְן (תָּנָא דְּבֵי אֵלִיָּהוּ פֶּרֶק ב') "הַמְבַעֵט בְּיִסּוּרִין, כּוֹפְלִין אוֹתָם עָלָיו" - וֶוען אַ מֶענְטְשׁ שְׁטוֹיסְט אִין דִי יִסוּרִין, עֶר גְלֵייבְּט נִישְׁט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים דָאס גֶעשִׁיקְט פַאר אַ גוּטֶע סִיבָּה, דַאן וֶוערְן דִי יִסוּרִין נָאךְ גֶעטָאפְּלְט. וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ כַאפְּט אָבֶּער דֶעם מֶעסֶעדְזְשׁ וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעשִׁיקְט מִיט יִסוּרִים, עֶר גֵייט צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר טוּט תְּשׁוּבָה, דַאן וֶועלְן דִי יִסוּרִים אוּן צָרוֹת אַוֶועק גֵיין פוּן אִים.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה זִיךְ צוּ הַאלְטְן שְׁטַארְק טְרָאץ זַיינֶע אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, עֶר וֵוייסְט אַז זַיין אֵיינְצִיגֶע אַדְרֶעס וואוּ זִיךְ וֶוענְדְן אִיז נָאר בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן וֶועט עֶר גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן אַלֶע צָרוֹת אוּן יִסוּרִים, עֶר וֶועט זִיךְ קֶענֶען אַרוֹיסְדְרֵייעֶן פוּן אַלֶע זַיינֶע שְׁוֶוערֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, אוּן עֶר וֶועט הָאבְּן אַ גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק י"א עֶרֶךְ גְּבוּרָה וְעֶרֶךְ יִסּוּרִין)

>>>>>> נייעס

שיעור האט דער ראש ישיבה שליט"א אויך ארויפגערופן עטליכע קינדער און בחורים צו מאכן סיומים. דער ראש ישיבה האט צוגעענדיגט דעם שיעור בערך 10:00 ווען ער האט שוין געמוזט גיין און כאפן דעם פליגער אהיים. מען קען הערן דעם שיעור אויף "קול ברסלב".

דאנערשטאג פארטאגס האט דער ראש ישיבה שליט"א געלאנדעט אין ניו יארק, און במשך דעם טאג איז דער ראש ישיבה שליט"א שוין ווייטער אנגעגאנגען שיעורים כסדרן אין ישיבה, און ביינאכט געגעבן די וועכנטליכע שיעור פאר אינגעלייט.

דער אייבערשטער זאל געבן ווייטער פיל כח פאר'ן ראש ישיבה שליט"א צו קענען אנגיין מיט זיין הייליגע ארבעט, און אונז ווייטער מחזק זיין מיט די עצות פון הייליגן רבי'ן, און אז מיר וועלן זיך צוהערן און פאלגן וועלן מיר זיין אמת'ע ערליכע אידן, מצליח זיין אין לעבן ברוחניות ובגשמיות.

**הוא הודה הוא זיוה הוא הדרה!**

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳

# ראש ישיבה שליט"א קערט זיך אהיים פון ארץ ישראל

דעם פארגאנגענעם ליל שישי, ביים וועכטנליכן שיעור, האט דער ראש ישיבה שליט"א אנגעהויבן מיט די ווערטער, "איך פריי זיך זייער אז איך בין געווען אין ארץ ישראל, און איך פריי זיך זייער אז איך בין צוריק געקומען אהיים", און ער האט געזאגט אז ער האט מתפלל געווען פאר אלע אנשי שלומינו זייענדיג ביי די הייליגע פלעצער אין ארץ ישראל.

אנשי שלומינו אין אמעריקע האבן זיך טאקע שטארק געבענקט צום ראש ישיבה שליט"א וואס איז אפוועזנד געווען פאר איבער א וואך, און אנשי שלומינו אין ארץ ישראל האבן זיך מחי׳ געווען צו זיין אינאיינעם מיט׳ן ראש ישיבה שליט"א און שעפן פרישע כוחות און התחזקות אנצוגיין אין לעבן מיט די עצות פון הייליגן רבי׳ן.

דער ראש ישיבה שליט"א האט אפגעשריבן די גאנצע נסיעה אין א לענגערע בריוו, אינעם מכתב יומי פון די וואך זונטאג, און עס אריינגעדרוקט אין די וואכעדיגע קונטרס עצתו אמונה. מיר וועלן נאר איבערגיין ראשי פרקים פון די סדר פון די נסיעה.

דער ראש ישיבה איז אנגעקומען קיין ארץ ישראל מיטוואך נאכט פרשת אמור, און ער האט זיך באלד געקערט קיין טבריה צום ארטיגן ביהמ"ד היכל הקודש, וואו דער ראש ישיבה שליט"א האט געשמועסט שיינע שמועסן און התחזקות מיט אנשי שלומינו.

פון דארט איז ער געפארן קיין מירון. ווי שוין באריכטעט פארגאנגענע וואך איז דאנערשטאג נאכט איז פארגעקומען די בר מצוה פון בנו הבחור נחמן נתן ני"ו אין הויף פון בית המדרש קארלסבורג אין מירון, מיט די באטייליגונג פון די חשובע זיידעס, קרובי המשפחה, און פילע אנשי שלומינו פון איבער ארץ ישראל.

ביי די שמחה האט דער ראש ישיבה שליט"א גערעדט עטליכע ווערטער, דאנקענדיג דעם אייבערשטן אויף די גרויסע חסדים אז ער איז זוכה אריינצוברענגען זיין זון לעול התורה והמצוות, דערנאך האט דער חשובער בר מצוה בחור געזאגט זיין פשעטל, און דאן האט מען געהערט דרשות פון דעם חשובן זיידן הגה"צ רבי מרדכי אהרן מייזליש שליט"א מוויטצען, וואס איז ספעציעל געקומען צו פארן פון ניו יארק מיטצוהאלטן די שמחה, און דערנאך א שיינע דרשה פונעם חשובן זיידן כ"ק גאב"ד קארלסבורג שליט"א.

פרייטאג פארטאגס האט דער ראש ישיבה שליט"א געדאווענט ביים נץ ביים ציון הקדוש אין מירון, און דער זיידע כ"ק גאב"ד קארלסבורג שליט"א האט געלייגט תפילין פאר׳ן בר מצוה בחור.

נאכ׳ן דאווענען איז דער ראש ישיבה שליט"א ארויף מיט זיין פאטער און די משפחה צום ציון פונעם תנא רבי יוחנן הסנדלר, דערנאך איז מען געגאנגען זיך משתטח זיין אויפ׳ן ציון פונעם זיידן כ"ק גאב"ד קארלסבורג זצ"ל.

מיטאג איז דער ראש ישיבה שליט"א געפארן מיט זיין חשוב׳ן שווער שליט"א קיין טבריה צום אלטן בית החיים, וואו עס ליגן די הייליגע חבריא תלמידי המגיד מיט נאך הייליגע צדיקים. דערנאך איז מען געפארן קיין צפת, וואו מען האט זיך משתטח געווען אויף די פילע קברי צדיקים אינעם אור אלטן בית החיים, און מען האט זיך גע׳טובל׳ט לכבוד שבת קודש אינעם מקוה פונעם אר"י הקדוש.

שבת קודש האט דער ראש ישיבה שליט"א געוויילט במחיצת קדשו פון זיין טאטע כ"ק גאב"ד קארלסבורג שליט"א אין מירון, קבלת שבת און מעריב האט מען געדאווענט ביים ציון הקדוש, קארלסבורג רב שליט"א האט געזאגט א דרשה פאר׳ן ציבור פאר קבלת שבת און אנגעווארעמט דעם עולם איבער דעם גרויסן פלאץ וואו מען איז, מ׳האט געזונגען "בר יוחאי" און "אמר רבי עקיבא" פאר כגוונא ווי דער מנהג אין מירון.

דער ראש ישיבה שליט"א האט געהאט אין פלאן ארומצופארן געבן שיעורים אין אלע געגנטער איבער ארץ ישראל וואו עס געפונען זיך בתי מדרשים היכל הקודש, אבער למעשה איז ער געבליבן אין מירון מיט זיינע עלטערן, ווי דער ראש ישיבה שליט"א שרייבט אין א בריוו, "איך האב נישט געוואלט אוועק גיין פון מיין שווער שליט"א, מיין שווער איז איינגעשטאנען ביי מיר; מכבד זיין מיינע עלטערן און מיין ווייב׳ס עלטערן איז ביי מיר חשוב׳ער ווי זאל זיין וואס זאל זיין".

זונטאג האט דער ראש ישיבה ווייטער געדאווענט שחרית ביים ציון, נאכ׳ן דאווענען האט דער ראש ישיבה געלערנט מיט אנשי שלומינו זעקס שעה תיקוני זוהר.

מאנטאג נאכט האט דער ראש ישיבה שליט"א מיטגעהאלטן די הדלקה ביי זיין טאטע שליט"א, עס איז געווען גאר פרייליכע טענץ פאר לאנגע שעות, דערנאך האט מען זיך געוואשן צו א סעודה, און נאך די סעודה איז דער ראש ישיבה שליט"א ארויף מיט זיין טאטע שליט"א צו די מערה, און דערנאך געטאנצן אין חצר פאר א לענגערע צייט.

דינסטאג ל"ג בעומר האט דער ראש ישיבה נאך די מקוה ווייטער געלערנט אסאך תיקוני זוהר. נאכדעם האט דער ראש ישיבה געמאכט פיאות פאר זיין אייניקל נחמן נתן א זון פון הר"ר שלמה שליט"א, אין שטוב פונעם זיידן כ"ק גאב"ד קארלסבורג שליט"א.

מיטוואך פארטאגס האט דער ראש ישיבה געדאווענט שחרית ותיקין. און גלייך דערויף האט ער זיך ארויסגעלאזט קיין יבנאל, וואו ער האט זיך משתטח געווען אויפ׳ן ציון הקדוש פון מוהרא"ש זי"ע.

פון דארט איז דער ראש ישיבה שליט"א ווייטער געפארן קיין ירושלים עיה"ק וואו ער האט באזוכט אין בית המדרש היכל הקודש, ער האט באזוכט די אינגלעך אין חדר, ביי די ישיבה קטנה בחורים, און אין מיידל שולע, דער ראש ישיבה האט אלעמען מחזק און מעודד געווען, זיך נאכגעפרעגט, און געענטפערט אויף די שאלות פון די מחנכים, געגעבן הוראות און אזוי ווייטער.

אום 3:00 האט מען געדאווענט מנחה אין בית המדרש, נאך מנחה האט דער ראש ישיבה געטיילט "תיקוני זוהר" פאר פילע אנ"ש וואס האבן זיך מקבל געווען צו לערנען תיקוני זוהר. נאכדעם האט דער ראש ישיבה פארגעלגערענט א שיינע שיעור אין א דף גמרא, און אריינגעפלאכטן געשמאקע דברי חיזוק. די גמרא רעדט דארט וויאזוי דוד האט מנצח געווען גלית, דער ראש ישיבה האט צוגעברענגט א זוהר וואס שטייט אז ער האט געווארפן אויף אים פינף שטיינדלעך, וואס איז געשטאנען דערויף "שמע ישראל", "ה׳", "אלוקינו", "ה׳", און "אחד". דאס מיינט אז ער האט אים באזיגט מיט אמונה. ווען א מענטש האט אמונה ער גלייבט אין אייבערשטן, קען אים קיינער קיין שלעכטס טון.

דערנאך האט דער ראש ישיבה גערעדט פריוואט מיט פילע פון אנשי שלומינו, וואס האבן זיך געוואלט דורכשמועסן, און כאטש מען האט געדארפט געבן דעם שיעור 8:00 האבן זיך זאכן פארשלעפט, און דער ראש ישיבה איז אנגעקומען הערשט אום 9:00.

צום ערשט האט מען געדאווענט מעריב און דערנאך האט דער ראש ישיבה שליט"א געגעבן א שיעור התחזקות, ער האט זיך מתנצל געווען, און געזאגט אז ער האט נאך היינט ניטאמאל געהאט צייט צו עסן, און האט פארשפעטיגט צוליב וואס ער האט עוסק געווען בצרכי ציבור. ביים שיעור האט דער ראש ישיבה גערעדט פילע שיינע התחזקות איבער שלום בית, לימוד התורה, און נאך פילע ענינים, און פארשפראכן פאר די בני ארץ ישראל אז נאכ׳ן חתונה מאכן אלע קינדער, וועט ער מיטן אייבערשטנ׳ס הילף אסאך קומען קיין ארץ ישראל. ביים

<<<<<<


## סימן טוב ומזל טוב

החתן מו"ה **דוד ניישטיין** הי"ו

בן מו"ה **אלי׳ שמחה ניישטיין** הי"ו

צו זיין שמחה למזל טוב עב"ג

בת מו"ה **מאיר דוד פארקאש** הי"ו

## ליבשאפט

**איך לעכץ נאך אביסל ליבשאפט, עס זאל הערשן א ליבליכקייט אין מיין לעבן, אין מיין שטוב, ווי אזוי קומט מען אן צו דעם?**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 2, 2, 8, 28**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי׳ס, USB׳ס, SD׳ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**

845-351-0910 / 212-444-9191

ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080

בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעצעפיס; און נאך**

845-351-9060 /212-444-9169

ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090

בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380

חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**

< BreslevCenter.com >